# אגוטע ברכה

מיט ר׳ יונתן שווארץ

# אריינפיר

## למנצח על השמינית מזמור

מתוך שבח והודיה להשי״ת אז איך האב זוכה געווען און איך בין נאך אלס זוכה צו משמח זיין און צו מחזק זיין אידישע קינדער יונג און אלט שוין קרוב צו דרייסיג יאר.

ווי איך גיי נאר אין די וועלט, קומען צו הונדערטער אידן און טוען אויסדרוקן זייער חיזוק וואס זיי באקומען פון מיינע ניגונים. איך דאנק השי״ת אויפן עבר און איך בעט אויפן עתיד אז איך זאל זוכה זיין צו ממשיך זיין מיין הייליגע שליחות און מהנה זיין אידישע קינדער ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין צו הערן דעם נעים זמירות ישראל דוד מלך ישראל בביאת הגואל בב״א

## ברכת אב

לאבי מורי הר״ר משה שווארץ שליט״א מירושלים עיה״ק ששולח לי בכל עת וזמן גימטריאות רעיונות וראשי תיבות. הקב״ה יאריך ימיו ושנותיו בנעימים עד ביאת גואל.

## פארוואס נאך אן CD?

אן אלבום ארויסצוגעבן קאסט א געוואלד מיט צייט, כח און געלט, עד כדי כך אז די היינטיגע טעכנעלאגיע האט גורם געווען אז ארויסגעבן א CD נישט נאר אז מ'מאכט נישט קיין רוח פון דעם, נאר די שאלה איז "וויפיל גייט מען פארלירן פון דעם!". טאמער האט איר באצאלט פאר דעם CD לייגט עס געזונטערהייט ארויף אויף אייער טעכנעלאגישע כלי וואס באלאנגט צו אייך. און איך בעט אז נאר פאר אייערע אייגענע כלים און עס נישט שיקן ווייטער.

## מעג מען מאכן א קאפי פון א CD?

איך וועל בכלל נישט ענטפערן צי מ'מעג ע״פ הלכה  מאכן א קאפי. ביי כלל ישראל איז אויף אסאך הלכות דא א מחלוקת, ס'איז דא וואס זאגן "מותר לכתחילה" און ס'איז דא וואס האלטן "גזל גמור" - הללו מתירים והללו אוסרים.

אבער דאס איז זיכער, אז איך האב באצאלט קרוב צו $70,000.00 און טויזנטע שעות פון ארבעט, און איר ווילט דאס נעמען בחינם??? פארוואס? נאר וועגן דעם ווייל איך קען אייך גארנישט טוהן? אין חז״ל ווערט דאס אנגערופן א "גבר אלים", דו נעמסט עס נאר ווייל דו ביסט שטערקער פון מיר, איז דאס יושר? וויאזוי וואלט איר געפילט ווען "בית תבנה ואיש אחר יחנכנה?"

חז״ל זאגן אין מסכת ברכות פארוואס דארף מען מאכן א ברכה אויף עסן? ס'שטייט דאך נישט אין ערגעץ אין די תורה אז מ'דארף מאכן א ברכה פארן עסן, נאר נאכן עסן? ענטפערט די גמרא אז ס'איז נישט מער ווי א סברא! א פארשטענדליכע זאכך, דער אייבערשטער גיבט דיר עסן זיי מכיר טובה און זאג א ברכה (אפילו דו האסט באצאלט פאר די עסן).

ווער עס קען באצאלן פאר א CD און באצאלט נישט איז פשוט א "כפוי טובה". וכל הכופר בטובותו של חברו סופו לכפור בטובתו של הקב״ה.

טאמער האט איר באקומען פון איינעם מיינע פריעדיגע אדער יעצטיגע אלבומ'ס און איר ווילט מיר מכיר טובה זיין און באצאלן דערפאר, דאן שיקט צו יונתן שווארץ 1715-56th Street Brooklyn NY 11204

# 1 אן אפענעם טיר

**ניגון קאמפאזירט: ר' פנחס וואלף**

ר' פנחס, חן חן לו, טייערע און הארציגע ניגונים
ווי עס פאסט פאר א סלאנימער חסיד!

דער רב גיבט א הערליך שיינע שמועס,
אידעלעך געדענקען מ'מוז,
ביים באשעפער דער שומר ישראל,
קען מען זיך אויסבעטן אלעמאל.

מ'דארף נישט באשטעלן פון פריער,
ס'איז אלעמאל אפן זיין טיר,
אויף דיין בקשה שטייט ער אוןווארט,
זיין טויער איז אייביג אויפגעשפארט.

ער פארשטייט א יעדער שפראך,
ער זאגט קיינמאל נישט: דו בעטס פון מיר צו סאך,
ברוך אתה ה' שומע תפילה,
קענסט רופן גאר שפעט אפילו

דו דארפסט נישט קיין אקאונט ביי אים,
דו קענסט קומען ווען ס'איז דיר באקוועם,
ער איז אויף 24 שעה אין א מעת לעת,
ער טוישט קיינמאל נישט זיין אדרעס.

**פזמון:**
**ס'איז אפן מיין טיר,**
**קענסט בעטן אן א שיעור,**
**א טאטע פאר א קינד וועט נישט זאגן ניין.**
**אלעס אין די וועלט,**
**ער בעט נישט קיין געלט,**
**ער וועט דיך קיינמאל נישט לאזן אליין.**

**ער זאגט נישט רוף באלד,**
**ער פרעגט נישט ווי אלט?**
**זיינע קינדער זענען דאך זיין לעבן,**
**מיט ליבשאפט גאר פיל,**
**מיט רחמנות אן א גבול,**
**א טאטע פאר א קינד וועט אלעס געבן.**

דער רב דערציילט אז אין די זוממער טעג,
בין איך אמאל געגאנגען אויפן וועג,
אינדרויסן איז געווען שרעקליך הייס,
ס'האט זיך געגאסן פון מיר די שווייס.

ס'ווערט מיר אויסגעטרוקנט מיין צינג,
כ'מוז וויכטיג כאפן א טרינק,
איך קען נישט מער, איך האלט עס מער נישט אויס,
איך קום אן צו א גרויסער שיינער הויז.

איך שלעפ זיך אויף די טרעפן ארויף,
אויפן טיר איך קלאפ און קיינער מאכט נישט אויף,
איך דרוק אראפ די קלאמקע ס'איז אפן די טיר,
אין הויז געב איך אריין א שפאציר.

איך שריי "העלא?!" קיינער איז פארהאן,
איז צום קאך גיי איך שנעלער דארט אריין,
א גלעזל קאלט וואסער גיב איך זיך א גיס,
ס'איז אזוי געשמאק און אזוי זיס.

אויף מיין התנהגות וועט עטס פרעגן לכאורה,
צי איך האב זיך נישט געשעמט און נישט געהאט קיין מורא?
און צי האב איך כאטשיג נאר געטוהן דאס,
געלאזט א צעטל פארן בעל הבית?

דער תירוץ איז דאך גאר א גלאטע,
ס'איז געווען דער הויז פון מיין טאטע,
מיין טאטע פרייט זיך זיכער כ'בין געקומען,
און חיות פון אים גענומען.

**פזמון:**
**ס'איז אפן מיין טיר,**
**קענסט בעטן אן א שיעור,**
**א טאטע פאר א קינד וועט נישט זאגן ניין.**
**אלעס אין די וועלט,**
**ער בעט נישט קיין געלט,**
**ער וועט דיך קיינמאל נישט לאזן אליין.**

**ער זאגט נישט רוף באלד,**
**ער פרעגט נישט ווי אלט?**
**זיינע קינדער זענען דאך זיין לעבן,**
**מיט ליבשאפט גאר פיל,**
**מיט רחמנות אן א גבול,**
**א טאטע פאר א קינד וועט אלעס געבן.**

# 2

# א גוטע ברכה

**ניגון 1: ר׳ ליפא פעלדמאן**
**ניגון 2: אל הנער, ר׳ שלמה רעכניץ**

דער ניגון ברענגט ארויס די תמימות אין ערליכקייט פון א אידישע טאכטער וואס האט אמונת צדיקים,
און איר אמונת צדיקים וואס האט געברענגט א ישועה פאר איר און פארן צדיק
ניגון זה הוקדש לעי״נ שכיני הילד היקר שלמה ב״ר נחום אבספלד, ילד יקר ונשמה טהורה ויה״ר
שההתעוררות שיקבלו אנשים מניגון יהא לעילו נשמתו.

דער פוסק הדור רב וואזנער זכר צדיק לברכה,
זיצט אין זיין צימער און ער שרייבט פסקי הלכה,
צו יעדער שאלה איז ער מיחס א גרויס חשיבות,
פראבירט אויף אלעם צו ענטפערן תשובות.

איך בעט דיך באשפער אלוקינו ואלקי אבותינו,
עמוד לימיני וסמכינו,
איך זאל קענען טוהן דעם רצון הבורא,
ארויסגעבן דעם אמת׳ן דעת תורה.

ווען פליצלונג הערט מען א קלאפ אויפן טיר,
קומטס אריין און זאגסט מיר וואס ווילט איר פרעגן
ביי מיר,
שטייט דארט א טאטע, א מאמע און זייער טאכטער די כלה,
זייער פנים זאגט, זיי האבן א שווערע שאלה.

רבי! הייבט דער טאטע אן אזוי צובראכן,
מיין טאכטער׳ס חתונה איז באשטימט אין צוויי וואכן,
ווען דער חתן׳ס צד האט אונז נעכטן אזוי אנטפלעקט,
די ביטערע מחלה האט מען ביי אים אנדעקט.

אונזער טאכטער איז ברוך ה׳ א געזונטע קינד,
פארוואס זאל זי חתונה האבן מיט א בחור וואס איז נישט געזונט,
זי זאל אפלאזן דעם שידוך טוען אונז איר ערקלערן,
אבער זי וויל א דעת תורה הערן.

הייליגע באשעפער! פארוואס אזעלכע שאלות און בקשות,
דא דארף מען דאך ממש דן זיין דיני נפשות,
דער צדיק פרעגט די כלה וואס זי האלט,
זי וויינט אזוי ביטער, א טרער נאך א טרער ס׳פאלט.

**זי זאגט:**
**אל הנער הזה התפללתי,**
**ויתן ה׳ לי,**
**באקומען פון קודשא בריך הוא,**
**ער זאל מיר זאגן דעם ״מקודשת לי״.**

**רבי רבי! אז עס האט אזוי פאסירט,**
**מן השמים איז עס זיכער צוגעפירט,**
**ויתן ה׳ לי,**
**דער נסיון קומט פון וואו?**
**נאר פון דיר,**
**דער גרויסער קודשא בריך הוא.**

רבי רבי! איך דערמאן זיך אצינד,
וואס איך האב געלערנט נאך אלס קליין קינד,
אז א צדיק האט א כח בשמים,
צדיק גוזר והקב״ה מקיים.

רבי רבי! בעט פאר א רפואה,
פאר מיין חתן אויסבעטן א ישועה,
ווייל א צדיק האט א כח בשמים,
צדיק גוזר והקב״ה מקיים.

און דער צדיק קען נישט מער,
עס פאלט א טרער נאך א טרער,
ער בעט צום טאטן אין הימל...

טאטע, טאטע! דא שטייט א כלה מיט אמונה אָן א צאל,
זי וויל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

טאטע, טאטע! שיק דעם חתן א גאנצע רפואה,
אויפשטעלן דורות זאל זי האבן די זכיה.

דער צדיק זאגט די כלה איך בעט פון דיר א מתנה,
הרי אני כבן שבעים שנה,
מיט א ריינע אמונה האסטו דאך דעם געוואלדיגן כח,
דיינע תפילות קומט אן גאר גאר הויעך.

איך וועל וואונטשן דעם חתן אריכות ימים ושנים,
עטס זאל זוכה זיין צוזאמען אויפשטעלן ערליכע בנינים,
און דו בעט פאר מיר ביים בורא כל עולמים,
איך זאל זוכה זיין צו אריכות ימים.

דער כלה וואונטש דעם צדיק א גוטע ברכה,
דער צדיק וואונטשן דעם חתן און די כלה אויפשטעלן א משפחה,
דער צדיק בעט ״קרע רוע גזר דיננו״,
די כלה בעט ״יחי אדוננו!״

ביידע תפילות האט אנגענומען דער באשעפער פון די וועלט,
דער צדיק האט געהאט אריכות ימים און די כלה האט א שטוב
אויפגעשטעלט,
דער וואס האט א ריינע אמונה דער שטייט גאר הויעך,
זיינע תפילות האבן א געוואלדיגן כח!

אין א תקופה וואס טייל פון די ראשי ישיבות ווארפן זיך מיט אידישע נשמות און האבן א נחת רוח צו זאגן ניין "מיר נעמען נישט אן אייער בחור" און רעכענען זיך בכלל נישט מיט די אחריות וואס זיי טראגן אויפן עתיד פונ'ם בחור און זענען דן דיני נפשות בב"ד של אחד. וויפיל טאטעס און מאמעס רייסן זיך מיט ביטערע בכיות טעג און וואכן און חדשים ואיככה אוכל וראיתי באובדן מולדתי, ווי עס איז באקאנט אז דער קלויזענבורגער רבי זצ"ל האט אמאל געזאגט אז די אלע ראשי ישיבות וועלן האבן גאר לאנגע אריכות ימים וויל עס נעמט יארן לאנג צי בויען א גיהינום פאר זיי.

איך ווייס אליין פון א ראש ישיבה וואס איז איינע פון די גרעסטע ראשי המדברים בכל מקום און וואקסט מיר אויס א גאנצע "רשכבה"ג" און ער רעדט אין אסאך פון זיינע מפורסם'דיגע דרשות איבער דאס חשיבות פון יעדע איד, אבער ווען עס קומט צו ארויסווארפן בחורים ווארפט ער זיך מיט זיי ווי מיסט אן קיין טראפ רחמנות מיט א רשעות נוראה שאין להעלותם על הכתב. א גדול האט מיר אמאל געזאגט אויף אים אז זיין גאנצע תורה איז For entertainment purposes only!

דעם ניגון האב איך געשריבן נאך ווען איך האב גערעדט מיט א באקאנטן איד בן 80 און ער האט מיר דערציילט זיין היסטוריה ווי אזוי די ראש ישיבה ר' ישראל פייבל מנדלוביץ זצ"ל משגיח בישיבת תורה ודעת האט אים אנגענומען ביי 16 יאר אלט אין ישיבה וואס אלע האבן שוין געקענט גפ"ת אין ער האט קוים געקענט א' ב', ר' שרגא פייבל האט אנגענומען אפילו בחורים פון שטיבער וואס די אידישקייט איז געווען מורא'דיג שוואך אין ער האט ארייין געבלאזן אין זיי א פינק פון קדושה מיט מסי"נ אין יעדן בחור אין האט זוכה געווען צו הייבן הונדערטער תלמידים לשמוע את דבר ה' אין זענען געוואקסן הייליגע אידן יראים ושלמים

אין קליוולאנד וואוינט א בחור, יעדער רופט אים
'דעיוויד',
זיין לערנען איז גאר גאר בדיעבד,
אין אמעריקע אין יענע צייט, אין יענע יארן
פין מוסדות איז געווען א גרויס חסרון.

זיינע עלטערן ערליך פרום, אבער ליידער ליידער,
נישט געהאט פאר אים קיין אידישע חדר,
צוזאמען מיט די גוים, אין שולע ער גייט,
?? מ'טאר נישט לערנען פון קיין אידישקייט.

ער ווערט 16 יאר ער זאגט פאר טאטע מאמען,
גענוג געווען מיט די גוים צוזאמען,
איך גיי אוועקפארן אין גאר א נייע סביבה,
קיין ניו יארק זוכן א ישיבה.

פון ישיבה צו ישיבה זאגט מען אים ניין!
ביי אונז אין ישיבה קענסטו נישט גיין,
די בחורים דא קענען שוין א תירוץ א קשיא,
דו קענסט נאך ניטאמאל חומש רש"י.

פון ישיבה צו ישיבה טוט ער ארומלויפן,
יעדער זאגט אים ניין בשום אופן!
זיין פלאץ איז נישטא ביי אונז אין ישיבה,
פראביר א מוסד פון בעלי תשובה.

דעיוויד גיבט נישט אויף עד שידו מגעת,
ער קומט אן ישיבת "תורה ודעת",

ר' שרגא פייוויל דער משגיח נעמט אים ווארעם אויף,
אין בית המדרש ער נעמט אים ארויף.

א קול תורה עס הערט זיך ארויס,
דעיוויד ער האלט עס נישט אויס,
אזא טעם אין תורה שפירן זיי,
אויף מיר געוואונטשן הלוואי.

דער משגיח פרעגט א שאלה א קלארע,
צי קענסטו שוין לערנען אין גמרא,
ניטאמאל קען איך משניות,
איך קען קוים אל"ף בי"ת.

איז זאג מיר וואס דו קענסט,
אז צו גיין אין ישיבה דו ברענסט,
דעיוויד'ס אויגן הייבן אן צו גלאנצן,
אויף א שבת ניגון קען איך שיין טאנצן!

**"וטהר לבינו לעבדך באמת!"**

זיין נשמה עס פלאקערט און בריהט,
אלע בחורים טאנצן שוין מיט,
וטהר לבינו, לעברך באמת.

דער משגיח זאגט דו ביסט אנגענומען,
אין ישיבה קענסטו אריינקומען,
ער הארעוועט מיט גרויס פלאג,
נאך אביסל תורה יעדן טאג.

ער לערנט שוין א פרק משניות,
ער פילט אין די תורה א חיות,
ער הייבט שוין אן לערנען אין גמרא,
ער פארשטייט שוין א קשיא א סברא.

ער לערנט תורה לשמה,
ווייל א משגיח האט געזאגט "יא!"
ער הארעוועט מיט גרויס ברען,
ווייל א משגיח האט געזאגט "מ'קען!"

אויפגעשטעלט א בית מלא אורה,
איבער הונדערט אייניקליך בני תורה,
א משפחה וואונדער איבער וואונדער,
ערליכע חסיד'ישע קינדער.

יעדער גיבט אים אפ גרויס כבוד,
מ'רופט אים שוין הרב רבי דוד,
וואס איין "יא!" קען אויפטון,
מיטן זאגן "יא! איך נעם דיך אן!"

יעדער בחור קען אויפבליען,
יעדער קען אויסוואקסן א מצוין,
מיטן זאגן יא אויפטון אן א צאל,
ראטעווען דורות בישראל.

וטהר לבנו לעבדך באמת,
מיטן זאגן יא אויפטון אן א צאל,
ראטעווען דורות בישראל.



# 100 טרעפן

**100 טרעפן איז א ניגון וואס איז א חיזוק פאר יעדן איד וואס גייט אדורך שוועריקייטן און טראכט און מיינט אז ער קען עס נישט דורך טראגן**

**ניגון זה מוקדש לידידי**
**ר׳ אלכסנדר זושא בן ????**
**שכלל ישראל מתפללים לרפואתו.**

**ר׳ זושא היקר משמח אלוקים ואנשים שנפגע בתאונת דרכים בחזרתו מלשמח חתן וכלה**

גייט זיך א צדיק אויפן וועג,
ער טרעפט אן ר׳ דוד און ער גיבט אים א פרעג,
ר׳ דוד! ר׳ דוד! איך בעט זאלסט מיך זאגן,
פארוואס ביסטו אזוי צוטראגן?

זאג מיר פונקטליך, וואס דיין מצב איז?
איך זעה אויף דיר אזא שרעקליכן עצבות,
אויף דיין דאגה באיש גיב מיר נאר הסברים,
ישחינה לאחרים.

רבי, רבי וואס זאל איך זאגן,
באמת אז איך טאר מיך נישט באקלאגן,
בלי עין הרע א משפחה ערליך און שיין,
געזונטע קינדער מלא חן.

פרנסה גייט שווער, ס׳איז קוים קוים דא,
אבער עס שטייט דאך ׳בזיעת אפיך׳,
מ׳שטיפט אדורך די וואך, די חודש און די יאר,
נישט דאס קוועטשט מיר וויל איך זאגן קלאר.

וואס טוט מיך וויי רבי, גיב נאר א קוק,
ווען איך האב חתונה געהאט מיט 30 יאר צוריק,
מיין טאטע האט נישט געקענט בשום אופן,
א נארמאלע דירה מיר קויפן.

האט מען א דירה אויפן זעקסטן שטאק מיר גענומען,
100 טרעפן ביז צו מיין דירה אנצוקומען,
דאמלאטס זענען מיר נאך געוועזן גאר יונג,
ארויף אראפ געגעבן א שפרונג.

דרייסיג יאר שפעטער איך קען מיך קוים שלעפן,
רבי אוי רבי ס׳ווערט שווערער די טרעפן,
100 טרעפן ארויפגיין נאכאנאנד,
מיט שווערע פעקלעך אסאך מאל אין די האנט.

אריבערגיין א דירה האב איך אזויפיל געקלערט,
אבער די לעצטע מינוט ווערט מיר אלעס צושטערט,
קונים פון מיין דירה אנטלויפן,
און קיין אנדערע דירה קען איך נישט קויפן.

אויף מיינע פאר חברים בין איך זיך מתבונן,
אויפן ערשטן אדער צווייטן שטאק טוען זיי
וואוינען,
אויף מיר זעט אויס א גזירה פרעג איך הלמאי,
פארוואס בין איך אנדערש פון זיי?

כ׳וואלט געווען צופרידן אן א שיעור,
ווען די 100 טרעפן נעמט מען אוועק פון מיר,
דער רבי זאגט ר׳ דוד איך האב קיין תשובה
פאר דיר,
לאמיר ווייטער גיין אויף א שפאציר.

*

גייט זיך דער צדיק ווייטער אויפן וועג,
ער טרעפט אן ר׳ יאסל, און ער גיבט אים א פרעג:
ר׳ יאסל! ר׳ יאסל! איך בעט דיר זאלסט מיר זאגן,
אוי וויי! אוי וויי געוואלד,
אזא עצבות זעה איך אויף דיין געשטאלט,
ר׳ יאסל, ר׳ יאסל! פארוואס ביסטו אזוי צוטראגן?

הייליגע רבי כ׳וועל אויסזאגן,
פארוואס איך בין אזוי צוטראגן,
מיין קליין קינד אזא ליכטיג געשטאלט,
ער קען נאך נישט זיצן, ער קען נאך נישט גיין,
ער קען נאך נישט גארנישט טון אליין,
ער ווערט שוין בקרוב דריי יאר אלט.
צו אזויפיל דאקטורים בין איך שוין ארומגעלאפן,
וואס פעלט פאר מיין זון האט נאך קיין איינער
געטראפן,
אבער איין זאך האט מען אונז געגעבן צו פארשטיין,
עס זעט נישט אויס אז דאס קינד וועט אמאל
קענען גיין.

ס׳טוט מיר וויי ליידער ליידער,
א אידיש קינד דארף גיין אין חדר,
ער דארף קענען דינען דעם גרויסן הייליגן גאט.
ער דארף קענען צודעקן זיינע אויגן,
און שטיין צום באשעפער געבויגן,
און זאגן ״שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״,

איך האב שוין געטוהן אזויפיל פעולות,
פראבירט אלע סגולות און אלע תפילות,
ווי קען א טאטע צוקוקען די צער פון א קינד,
איך וועל אלעס טוהן ער זאל ווערן געזונט.

אוי איך זעה, איך זעה,
דער רבי גייט דא מיט ר׳ דוד,
א שטוב א פראכט און א כבוד,
ער האט א שטוב מיט 12 קינדער,
געזונט איז יעדער באזונדער,
ער וואוינט אויפן זעקסטן שטאק,
אלע לויפן ארויף און אראפ,
אוי רבי אוי רבי, מיט מיין קינד איך מוטשע זיך אפ,
אוי רבי! רעבניו! כ׳וואלט געווען גליקליך אן
א שיעור,
ווען 100 טרעפן געט מען מיך,
און מיין קינד זאל שוין קענען קענען גיין,
אוי באשעפער הער אויס מיין געוויין!
ס׳איז שווער צו זען א קינד׳ס יסורים,
און באהבה מקבל צו זיין,
אפילו איך ווייס אז אלעס פירט זיך מיט א פלאן.

**פזמון:**

**אוי אידעלע! אוי אידעלע! יעדער מיט זיינע נסיונות,**
**אוי אידעלע! אוי אידעלע! מיר פארשטייען נישט**
**דעם בורא׳ס חשבונות.**

ר׳ דוד און ר׳ יאסל ביידע גלייך,
כ׳וועל ענק ענטפערן די זעלבע זאך,
יעדער מענטש וואס ווערט דא אראפגעשטעלט,
האט זיך זיין פעקל און זיינע נסיונות,
מיר פארשטייען נישט די חשבונות,
פונעם גרויסן באשעפער די קעניג פון די וועלט,
ביי איינעם איז עס פרנסה און ביי איינעם א דירה,
ביי קיינעם גייט נישט אינגאנצן אלעס כשורה,
ביי איינעם איז 100 טרעפן א פעקל אן א שיעור,
און דער צווייטער זאגט: ׳הלוואי געוואונטשן
ביי מיר׳.

יעדער האט 100 טרעפן אויף אן אנדערן אופן,
קיין איינער פון זיין פעקל קען נישט אנטלויפן,
ביי איינעם איז 100 טרעפן, ער מאכט מיט גאר
שווערע ענינים,
ער מוטשעט זיך אזוי שטארק מיט צער גידול בנים.
ביי איינעם איז 100 טרעפן שידוכים מיט די
קינדער,
ער פלאגט זיך ביי יעדן איינעם עקסטער באזונדער,
ביי איינעם איז 100 טרעפן גאר אן אנדערן פעלער,
ער לויפט מיט משפחה אין די שפיטעלער.

געדענקטס! געדענטקס! פאר יעדן זיין פעקל איז
באשטימט,
נאר לויט וויפיל כוחות ער באקומט,
מיר פארשטייען נישט דעם פלאן,
ס׳איז שווער באהבה מקבל צו זיין,
א איד פרעגט אמאל וואו איז מיינע תפילות?
איך בעט און בעט אזויפיל,
ער פארעדט זיך אמאל,
באשעפער וויפיל איז דער גבול?

אוי אידעלע אידעלע, ווי הייליג און דערהויבן,
מיט יסורים דעם באשעפער צו לויבן,
ווי טייער איז יעדעס מאל,
ווען דער טראכסט נאר אפילו שמע ישראל,
איך דאנק דיר יעדער מינוט,
איך בין דיין קינד און איך בין א איד,
איך ווייס אז אלעס וואס דו טוסט,
מיינסטו נאר גוט!

**פזמון:**

**אוי אידעלע! אוי אידעלע! יעדער מיט זיינע נסיונות,**
**אוי אידעלע! אוי אידעלע! מיר פארשטייען נישט**
**דעם בורא׳ס חשבונות.**

# 5 א שמעק טאביק

**לחן: געלדצהעלער**

**א צדיק ווי דער הייליגער חפץ חיים לערנט אפ אינגאנצן אנדערש ווי אנדערע פשוטי עם ווען ער זעהט א מהומה אין ביהמ"ד איבער א שמעק טאביק**

**מוקדש לעי"נ ידידי היקר**
**ר' שמעון ב"ר ישראל (רשב"י) מושקוביץ**
**וזוגתו שרה יוטא בת ר' יוסף**

**שכל חייהם קיבלו יסורים באהבה והיו מלא שמחה בזמנים ובמצבים הקשים ביותר.**

ס'איז באלד דער זמן פון שבת, יעדער מאכט
זיך גרייט,
צו קבלת שבת אין בית המדרש יעדער גייט,
אין שטאט פון חפץ חיים שבת שוין באלד
דא,

לכו נרננה.

דער גרויסער חפץ חיים וועט אנקומען באלד,
יעדער וויל דאך זען זיין הייליגן געשטאלט,
פליצלונג א מהומה ווערט,
דער בית המדרש איבערגעקערט,
קולות מ'הערט.

יחצאל דער פארדרייטער פון שטאט,
לויפט ארום אין א גוטער מוט,
ער לויפט ארום דער בימה,
ס'איז א גרויס מהומה,

יעדער שרייט אן אויפהער,
דיין טאביק גיבט שנעל אהער,
יחצאל זאגט איך לאז מיך נישט מער.

דער היליגער חפץ חיים, ער קומט שוין אן
אין שול,
ער זעט דעם גרויס טומל, פארשטיין ער וויל,
פארוואס איז ער אן אויפגערעגטער,
וואס גייט דא פאר? פרעגט ער.

דער ראש הקהל איז אים מסביר, שבת
יענע וואך,
איז יחצאל ארומגעגאנגען געבעטן נאך
און נאך,
ביי יעדן טאביק זעט ער,
ביי יעדן טאביק בעט ער

אהא!
ר' לייבל זאגט אים ניין,
ר' וועלוול זאגט אים אין,
ר' הערשל וויל אים נישט געבן,
עס הייבט זיך אן צו לעבן,

ר' בערל זאגט בשום אין אופן,
גיי דיך אליינ קויפן.

אהאאא!
יחצאל ער רעגט זיך,
אין בית המדרש עס לעבט זיך
פרייליך זענען די קינדער,
זיי לאכן זיך יעדער באזונדער,
יחזאל שטייט און קראכט,
און יעדער איינער לאכט.

יחצאל זאגט איך פייף ענק אן,
איך וועל זיך אנשטרענגען,
איך וועל גיין קיין ווילנא,
פון דארטן טאביק ברענגען,
א גייט קיין ווילנא א מהלך פון דריי גאנצע
טעג,
און צוריקגעקומען יעצט דעם ווייטן וועג.

יחצאל איז יעצט אנגעקומען מיט טאביק
אין זיין האנט,
איך האב געברענגט טאביק אזוי ווי איך האב
געפלאנט,
איך דארף נישט ענקער טובות איך האב זיך
אנגעשטרענגט,
טאביק פון ווילנא געברענגט.

ער זאגט קיין ווילנא דריי טעג, צופיס בין
איך געגאנגען,
אין בית המדרש דארטן טאביק געטוהן
פארלאנגען,
איך האב טאביק דארט באקומען,
אין מיין האנט עס ארומגענומען,
און קיין ראדין צוריקגעקומען.

יעדער לויפט נאך יחצאל מ'טוט אים
נאכיאגן,
אוועקכאפן דעם טאביק וואס ער טוט
פארמאגן,
יחזקאל זאגט איך לאז מיך נישט מער! און
דער טאביק בלייבט ביי מיר,

ס'איז לוסטיג און פרייליך אן א שיעור.

דער הייליגער חפץ חיים ברעכט אויס מיט
א געוויין,
יעידער שטייט פארוואונדערט, זיי קענען
נישט פארשטיין,
וועגן יחצאל אזא נער,
איז ער זיך מצער?

דער חפץ חיים איז זיי מסביר,
אין חז"ל שטייט קלאר,
אז גאר א ווייטן וועג פון 500 יאר,
ביז א נשמה איז אראפגעשטעלט,
דא אויף דער וועלט.

אזא ווייטן וועג, גיבסט נאר גוט א קוק,
אויך 500 יאר נעמט דער וועג צוריק,
אזא ווייטן וועג,
אפצולעבן דיינע טעג.

יחצאל דער נער,
קיין ווילנא האט זיך געשלעפט,
אבער כאטש א שמעק טאביק,
האט ער דארטן אפגעשעפט,
ווער ווייסט צי ווען מיר גיימער צוריק וועלן
מיר האבן א שמעק טאביק

מיר זענען געקומען פון אזעלכע ווייטע וועגן,
מיר דארפן צוריקטראגן גאר א גרויס
פארמעגן,
גיין אויף דעם גוטן וועג און לעבן מיט
אן ערך,
זיך מיטצונעמען צדה לדרך.

מיר זענען געקומען פון אזעלכע ווייטער
וועגן,
מיר דארפן צוריקטראגן גאר א גרויס
פארמעגן,
גיין אויף דעם גוטן וועג און לעבן מיט
אן ערך,
זיך מיטצונעמען צדה לדרך.

6

# געזונט און געלט

**דער ניגון "רבון העולמים ידעתי" קאמפאזירט דורך ר' פנחס ברייער האט זיך פארשפרייט אין די גאנצע וועלט אין עס ווערט געזינגען שוין אפאר יאר מיט א געוואלדיגע תשוקה ביי שמחות מסיבות ת"ת און ישיבות.**
**דער ליד ברענגט ארויס די משמעות פון דעם ניגון אין א פריוואטן מענטשן'ס לעבן.**

**מוקדש לבני היקרים**
**יואל, ישראל מאיר, יצחק דוד, אהרן**
**שלמה, שמעון, ובתי שרה מלכה**
**ויה"ר שנראה רוב נחת דקדושה**
**מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים**

דער גרעסטער עסקן אין די וועלט בצרכי רפואה,
אין די גאנצע וועלט מיט עסקנות זייער גוט ידוע,
פון די גאנצע וועלט איז מען זיך מיט אים שואל עצה,
וואו ער קען נאר וועט ער צולייגן א פלייצע.

שלא על מנת לקבל שכר,
דער גרעסטער דאקטוירים בכל אתר ואתר,
רעכענען זיך זייער שטארק מיט זיין מבינות,
ושמעו הולך בכל המדינות.

איין אויפדערנאכט זיצט ער אין אפיס מיט גאר א גרויסען גביר,
וויכטיגער ענינים פון צרכי רפואה קומט אינעם שמועס אפיר,
דער צייט גייט פארביי,
מען שמועסט שוין א שעה צוויי
פליצלונג שרייט איינער אויס אוי וויי,
דער זייגער ווערט שוין באלד זייגער דריי.

דער פארטאגס שעות זענען זיך שוין באלד מקרב,
זיי לויפן אין בית המדרש מיר האבן דאך נאך נישט געדאווענט קיין מעריב
קוים א מנין האט זיך געמאכט
נאכן דאווענען זיי שטייען פארטראכט,
ביים ארון קודש א איד דארט ער שטייט,
ביים הייליגן תהלימ'ל, מיט בכיות ער שרייט.

אוי רבון העולמים ס'זעט אויס ער איז אין אזא גרויסער קלעם
אוי שיר למעלות ממעקים קראתיך ה'
ער וויינט מיט בכיות, זיי האבן אזאנס נאך נישט געזען
זיי שטייען פארוואונדערט וואס איז מיט דעם איד געשען?

דער עסקן זאגט דעם גביר וואס בעט דעם א איד פונעם דעם בורא פון דער וועלט,
אדער בעט ער געזונט אדער בעט ער פרנסה אויף געלט,
לאמיר ביידע זיך אונטערנעמען, צוזאמען מיט גרויס ברען
מיר גייען מיר העלפן מיט אלס וואס מ'קען,
מיר גייען מיר העלפן מיט אלס וואס מ'קען.

דער אייבערשטער האט דיך געבענטשט ביסט ב"ה א גרויסער גביר,
טאמיר בעט ער אויף געלט וועסטו אים געבן געלט אן א שיעור,
אבער טאמער בעט ער געזונט,
ער דארף האבן הילף מיט רפואה
וועל איך אים העלפן מיט גרויס יגיעה,
אים געבן עזרה וישועה
זיי גייען צום איד זיי זאגן דער בורא האט אויסגעהערט דיינע תפילות
מיר גייען זיך אוועקגעבן פאר דיר מיט אלע עצות ותחבולות,
זאג אונז נאר וואס דו דארפסט, אלס איז פאר דיר צוגעשטעלט
צי דארפסטו געזונט, צי דארפסטו געלט,
מיר וועלן דיר העלפן אלעס אין די וועלט!

יישר כח טייערע אידן איך וועל עטץ זאלן פארשטיין
פארוואס איך בין געשטאנען ביים תהילים מיט אזא גרויס געוויין,
נישט ווייל איך האב געבעטן פאר געלט אדער אויף געזונט,
איך האב היינט חתונה געמאכט מיין צענטע און יונגסטע קינד

איך בין געקומען אין בית המדרש נאכן חתונה א שבח פארן בורא געבן
געלט נחת און געזונט האט ער מיר געגעבן,
כי הנני בידך לבד,
אן דיר באשעפער וואלט איך גארנישט געהאט.

אלס וואס עטס ווילטס מיר געבן, וויל איך עטס זאלטס פארשטיין,
האב איך אלעמאל באקומען פון גרויסן טאטן,
דער באשעפער אליין
איך האב געבעטן געזנוט און נחת פונעם גרעסטן אוצר.
איך בין אין זיין האנט כחומר ביד היוצר

רבון העולמים ידעתי,
איך וואלט גארנישט געקענט טוהן אן דיר גרויסער טאטע,
איך האב געשריגן התרגשות כי לעולם חסדו,
מה אשיב לה' כל תגמולוהו עלי,

כ'ווייס אז ואם גם אתאמץ בעצות ותחבולות
כ'וואלט אין ערגעץ נישט אנגעקומען אן דער
בורא הערט אויס מיינע תפילות
מבלעדי,
אן דעם וואס ער הערט מיין געשריי
אע שאד מין הארוואניע און יגיעה
אין עזרה וישועה.

רבונו של עולם איך בעט דיר הראינו ה' חסדיך,
דו זאלסט מיך ווייטער פירן כי הנני בידך,
מבלעדי,
אן דעם וואס דו הערסט מיין געשרי
א שאד מיין האעראוואניע און יגיעה
אין עזרה וישועה!

ואם גם אתאמץ בעצות ותחבולות, וכל יושבי
תבל יעמדו לימיני להושיעני לסמוך נפשו,
מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה

# לכף זכות

**ניגון: ר׳ יוסף גרין**

**האבענדיג די זכיה צי זיין דער בעל תפלה אין דעם הייליגן שטאט בארדיטשוב אין דעם הייליגסטן טאג פון דעם יאר יום כיפור אים ביהמ״ד פונ׳ם סניגורן של ישראל דער הייליגער בארדיטשובער רב האב איך איין יאר מוצאי יום הכיפורים געשריבן דעם ניגון וועגן דן זיין לכף זכות.**

מוקדש לזכות סניגורן של ישראל
**ר׳ לוי יצחק בן שרה סאשה**
שמקובל אצל חסידים שרק להזכיר את השם
ר׳ לוי יצחק מבארדיטשוב מסוגל לישועות

ר׳ יאסל ווי זיין שטייגער יעדן טאג,
ארויס פון זיין הויז גיבט ער זיך א יאג,
ער פארט דארט שנעל צו זיין געשעפט,
א פארמאכטע טויער ער טרעפט.

די הענט אין זיין טאש ער לייגט אריין,
ארויסנעמען די שליסל איז זיין פלאן,
אופס! דער שליסל איז נישט דארט,
איך וועל זוכן אויף א צווייטן ארט.

אין די אנדערע טאש ער זוכט,
פון טאש צו טאש ער קריכט,
אין רעקל און אויך אין זיין בוזעם,
טרעפן דעם שליסל איך מוז-אים.

ער גייט צוריק אין קאר,
זוכט בכל אתר ואתר,
ער זוכט שוין איבער א שעה,
די שליסל איז נאך אלס נישט דא.

פאריאגט צובראכן, אהיימגעקראכן, א שאד די צייט,
דער צייט איז שמאל, ער זוכט איבעראל, אין יעדן זייט,
ער ווארפט אריין און ווארפט ארויס,
ער דרייט איבער דאס גאנצע הויז,
אבער דאס שליסל איז נאך אלס נישט דא.

צוריק אין קאר, זוכט ווי א נער, נאך א שעה,
ער זוכט ווי א רוח, אפשר אין די שיך, ס׳איז נישט דא
ענדליך נאך דעם גאנצן מישמאש,
לייגט ער נאכאמאל די האנט אין טאש,
אה! דיר שליסל איז ברוך השם שוין דא!

שפעט נאכמיטאג, ער עפנט זיין געשעפט,
נאך אפאר מינוט פיל קונים ער טרעפט,
קונים האלטן אינאיין קומען,
א געשעפט ב״ה פארנומען.

אויף איינע פון די קונים ער קוקט זיך אום,
מיט א שווארצן זעקל דרייט ער זיך ארום,
ר׳ יאסל בליקט אינעם זעקל גלייך,
איך פארקויף דאך די זעלבע זאך!

איך מיין אז א גנב איז-ער,
אין ערליכקייט איז ער נישט נזהר,
אבער דער תורה זאגט אז כ׳מוז,
אים דן זיין לכף זכות.

א מתנה האט ער אפשר באקומען,
פון אן אנדערן געשעפט אפשר באקומען,
ער זעט אויס זייער נערוועז,
א סימן אז ער האט גע׳גנב׳ט דעס.

ער נעמט זיך רעש׳ן, הויעך אים באוואשן, דו גנב!
אן קיין חשבונות, מיט ביזוי בזיונות, דו גנב!
אפאר קונים שרייען שוין כאפטצעם!
אפאר קונים שרייען צוקלאפטס אים!
ב״ה מ׳האט געטראפן דעם גנב,

ס׳טוט זיך א געשריי, שומרים פאליציי,
א גנב!
א חרפה א בושה, א רשע מרושע, די גנב!
זיך קוים אויסגעבעטן מיט זיין לעבן,
א קבלה געוויזן, א קבלה געגעבן,
מ׳האט אים סתם חושד געווען אלס גנב!

א איד פרעגט ר׳ יאסל א שאלה,
פריער געזען האבן מיר אלע,
האסט געזוכט דיין שליסל איבעראל,
אפילו וואו ס׳איז נישט קיינמאל.

האסט געזוכט אין יעדן לאך,
האסט געזוכט ווייל אפשר דאך,
האסט געזוכט אפילו האסט געוואוסט,
אז דו זוכסט דארט גאנצן אומזיסט.

**פזמון:**
**דן זיין לכף זכות, אויך מ׳מוז, זוכן,**
**אזוי ווי דיין שליסלעך, זוכן צוביסלעך, זוכן**
**ווען דו ווילסט געזוכט נאר אביסל,**
**אזוי ווי דו האסט געזוכט דיין שליסל,**
**וואלסטו שוין לאנג געטראפן אויף אים א זכות׳ל!**

# 8
# הושענא

**ניגון 1: ר׳ פנחס מרדכי וועבער**
**ניגון 2: פרחי**

**ווען א מענטש פילט אמאל א שוואכע מינוט אדער גייט אריבער א שווערן טאג אדער תקופה, דייקא דעמאלטס האט ער גרויסע כוחות, און זיינע תפילות ווערט דעמאלטס אנגענומען**

מוקדש לעי״נ בן אחותי
**הילד היקר שלום בן יבלחט״א ר׳ משה צבי**
נשמה קדושה וטהורה יהא זכרו ברוך

מ׳רופט מיך ערבה, מ׳רופט מיך הושענא,
איך האב אבער גאר א גרויסער טענה,
איך וואלט געוואלט פארשטיין מיט קלארע הסברים.

מ׳טוט מיך קוים אנקוקען,
איך שטיי פארבויגן און טריקן,
איגאנצן אנדערש פון מיינע חברים.

מיינע דריי חברים אן אויסנאם,
האבן אדער א ריח אדער א טעם,
שוין וואכן פריער לויפט מען אין גאנצע שטאט.

פון איין עק ביזן צווייטן עק,
מ׳זיכט אן אתרוג אן קיין פלעק,
הדסים משולשים, און א לולב שיין און גראד.

די דריי מינים טראגט מען צום דיין,
ער זאל אויף זיי זיין גוט מעיין,
דאס איז אפשר שענער,
און דאס איז אפשר גרעסער?

געלט טוט מיך נישט באדערן,
איך וויל מהדרין מן מהדרין,
וואס מער מהודר, אלס מער איז בעסער.

און מיך פאר יום טוב דעם לעצטן טאג,
כאפט מען מיך שנעל מיט גרויס יאג,
קליינע קינדער אין די גאס זענען מוכרים.

גאר ביליג פאר מיר וועט מען צאלן,
געציילטע דאלאר אדער שקלים,
מיט אזא זולזול ווארפן מיך ארום די סוחרים.

אינמיטן יום טוב פארטרוקנט איך בין,
אינגאנצן פארפלעקט און מער נישט גרין,
מ׳ווארפט מיך ארויס מ׳ברענגט שוין פרישע.

מיינע חברים בלייבן פריש און שיין,
נאר איך יסורים טו איך דורכגיין,
אזויפיל צער און אזויפיל בושה.

הושענא רבא שטיי איך פארקלעמט,

פינף ערבות צוזאמען מ׳נעמט,
מ׳שלאגט און מ׳קלאפט מיך אויס אויף דער ערד.

פון מיינע יסורים נעמט נישט קיין עק,
מ׳שלאגט מיך אויס און מ׳ווארפט מיך אוועק,
אן אויסגעקלאפטע הושענא וואס איז גארנישט ווערד.

*

הושענא! הושענא! ביסט אפשר גערעכט,
דער טענה וואס דו האסט איז בכלל נישט שלעכט,
וויסן זאלסטו דערפאר,
ווייל דו גייסט אדורך צער,
באקומסטו אויך דער מערסטע שכר!
העכערן ארון קודש איז דיין לוין,
פארן ספר תורה ווערסטו א קרוין,
ווען ס׳קומט שמחת תורה דער הייליגער נאכט,
און די ארון קודש ווערט אויפגעמאכט,
פארן הייליגן ארון קודש ביסטו דער כתר תורה,
ווען מען טאנצט און זינגט פארן הייליגן בורא.

מיט דיין נאמען וואס מ׳רופט דיך ארויס,
אזויפיל תפילות כלל ישראל בעט זיך אויס,
הושענא! הושענא! למענך אלוקינו,
הושענא! למענך בוראינו,
אלע תפילות וואס מ׳האט געבעטן מיט כונה,
אין די הייליגע טעג יום כיפור און ראש השנה,
אינעם טאג הושענא רבא ווערט עס אנגענומען,
צום הייליגן באשעפער אנקומען,
אין דעם טאג וואס דו ביסט צוקלאפט, אין דעם טאג וואס דו
ביסט צושלאגן צושלאגן,
גאר גרויסע כוחות טוסטו פארמאגן!

לפיכך אנחנו חייבים,
צו געדענקען ווען ס׳קומט שווער מצבים,
טאקע ווען דו פילסט אז ס׳איז שוין איום ונורא,
ווערסטו נענטער צום הייליגן בורא,
לב נשבר ונדכה,
אלוקים לא תבזה,
ניץ אויס דיינע כוחות, ווען עס טוט דיר שווער אנקומען,
דיינע תפילות ווערן דעמאלס אנגענומען.
אין דעם טאג וואס דו ביסט צוקלאפט, אין דעם טאג וואס דו
ביסט צושלאגן
גאר גרויסע כוחות טוסטו פארמאגן!

# 9 די בחורים'ס נסיעה

ניגון: כתר

ווען די מג"ש ר' משה דוד פישער ז"ל פון לוצערן ישיבה נעמט זיינע תלמידים אויף א נסיעה צום קייסער פראנץ יוזעף'ס פאלאץ און צום ציון פון הייליגן חת"ס זי"ע, הערט פארוואס פונקט צי די צוויי פלעצער.
איך האב געהערט די מעשה פין ידיד נפשי הר"ר שמואל בנימין פישער שליט"א אן אייניקל פון הייליגן חת"ב ווען איך בין געווען ביי אים אויף א שבת אין וויען בשנת תשע"ה, ר' שמואל בנימין איז געווען איינע פון די תלמידים אויף די נסיעה

מוקדש למורי ורבי שליט"א הרב ר' בנימין אייזנבערגער שליט"א נכד החת"ס אין מילים בפי להודות על כל הטובה שהרב שליט"א עומד לימיני בכל עת ברוחניות ובגשמיות

די בחורים אין שווייצער ישיבה,
פלייסיג געלערנט דעם זמן,
דער מגיד שיעור איז זיי מודיע,
ער לייגט פאר זיי פאר דעם פלאן,
אלס שכר פאר ענקער יגיעה,
גיי איך ענק נעמען א נסיעה,
דארטן אהין,
אין שטאט פון וויען.

א הערליכע שיינער פלאץ,
קייזער פראנץ יאזעפ'ס פאלאץ,
דער גרויסער קעניג פון עסטרייך,
אזא שיינעם קעניגרייך,
בחורים מאכט ענק שוין גרייט,
מיר לאזן זיך ארויס אויפן וועג,
נעמטס צידה לדרך אויף צוויי טעג.

יחד יחד,
זיי גייען צוזאם,
שבת אחים גם,
א קידוש השם, מלא טעם,
יעדער בחור ממש אן אויסנאם.

יחד יחד,
אין פאלאץ אנגעקומען,
ס'איז לא יאומן,
גאלד און זילבער ארומגענומען,
א הערליכער גארטן מיט בלומען.

ריזיגע צימער מיט גאלד און זילבער
געפארבט און געמאלן,
לעמפ פון בריליאנטן וויאזוי איז עס
מעגליך צו באצאלן,
ריזיגע האלצענע זוילן, מיט די הענט
אליינס איז עס אויסגעקריצט,
הערליכע זילבענע כלים אזוי שיין באפיצט.

כתר, כתר זיי זעען די הערליכע שיינע
קרוינען,
שעות לאנג קען מען זיך אויף דעם זיין
מתבונן,
ריזיגע הערליכע טישן, פון מארבל
שטיינער אויסגעהאקט,
דער קעניגס שטול פיל מיט דיימאנטן
געפאקט.
יחד, יחד
צום אכסניא א היים,
ס'איז געווען אזוי שיין,
זיי בעטן מגיד שיעור, גיב אונז צו
פארשטיין,
וואו וועלן מיר מארגן גיין?

יחד יחד,
אזוי וועלן מיר טוען,
פארן צום ציון,
פונ'ם הייליגן חתם סופר, זאל זיך פאר
אונז מיען,
אונז אלע האבן איזנזין.

צומארגנס צום ציון פון הייליגן חתם סופר
פארן זיי ארויס,
מיט א שטארקן התעוררות גאנץ ספר
תהלים זאגט מען אויס,
ענני ה' ענני,
זכותו יגן עלינו,
וחיות אש יושר יליצו בעדינו.

א קוויטל אויפן הייליגן ציון זיי טוהן אלע
ארויפלייגן,
אין זכות פון די רבי'ס זאלן מיר שטייגן
און שטייגן,
עס האט געלאזט אויף די טייערע בחורים
אזא הייליגן רושם,
זיך אויסצובעטן ביי רבותינו הקדושים.

טייערע בחורים!
איך וויל דא מיט ענק מיטיילן,
אן אינטערעסאנטער פאקט וועגן קייזער
פראנץ יאזעף וויל איך ענק דא דערציילן,
גאר א פריינליכע קעניג, ממש צו כאפן
התפעלות,
מ'האט געקענט מיט אים שמועסן און
פרעגן שאלות.

אויב דו האסט אים געוואלט עפעס פרעגן,
האסט זיך געדארפט ארויסלאזן אויף
די וועגן,
חדשים פריער האט מען דיר אנגעגרייט,
וויאזוי פאר א קעניג מ'שטייט,
דא זאלסטו רעדן הויעך!
דו זאלסטו רעדן שטיל,
נישט צו ווייניג און נישט צופיל.

יחד יחד,
מיט מורא און פחד, פארן קעניג שטיין,
פרעגן דיין שאלה רואיג און שיין,
א כבוד המלכות זאל עס זיין.

יחד יחד,
האסט דריי מינוט צייט, אויפן דיין שאלה
אויסדריקן,
ווען דו גייסט ארויס, פארקערט זאלסט
זיך ריקן,
פארן קעניג אליינס זיך צו ביקן.

טייערע בחורים אין פאלאץ האט עטס
געזען אלעס,
וואו איז פארגאנגען די שמועסן די
טויזנטע שאלות,
מ'האט געקוקט אויף די גאלד אויף די
זילבער,
און אויף דעם פאלאץ דעם שיינעם,
וואס מ'האט געפרעגט דעם קעניג
אינטערעסירט נישט פאר קיינעם.

קיינער ווייסט נישט וואס ער האט
געזאגט, וואס ער האט געשריבן,
קיין מסורה פונעם קייסער איז דאך
גארנישט געבליבן,
וואס האט דער קעניג געזאגט, האט
קיינער נישט קיין השגה,
נישט איבערגעלאזט קיין דרך און קיין
הנהגה.

דער הייליגער רבי דער חתם סופר זכותו
יגן עלינו,
נישט געבליבן קיין גאלד, קיין זילבער און
קיין פלאץ א שיינע,
טייערע טייערע בחורים, ווייסט עטס וואס
איז פון אים געבליבן,
הונדערטע תשובות, חידושים וואס ער
האט געשריבן.

אין די גאנצע וועלט אין אזויפיל כוללים
אין אזויפיל ישיבות,
פלאגט מען זיך אויף זיינע שמועסן און
אויף זיינע תשובות,
דער רב זאגט א תורה שלוש סעודות, אין
הייליגן חתם סופר שטייט,
א קינד זאגט א תורה ביים שבת טיש פיל
מיט ליכטיגקייט.

דערפאר האב איך ענק צו דיביידע
פלעצער דייקא גענומען,
צו זען ווי ווייט מיט די תורה קען מען
אנקומען,
דער תורה איז הייליג און נצחי,
ס'בלייבט אויף אייביג אויף אלעמאל,
ראו מה בין חמי לבין בני ישראל.
כתר, כתר, כתר
דער תורה איז דאך אזא הייליגער קרוין,
דער תורה ווערט באצאלט מיט אן
אייביגע לוין,
טייערע טייערע בחורים! כוחות טוטס
ארייגלייגן,
יעדער פון ענק א "חתם סופר" קענען
אויסשטייגן!

יחד יחד,
צוריק צום גמרא,
א קשיא, א סברא,
דאס איז דאך דער דרך ישרה,

יחד יחד,
צוריק אין ישיבה,
אזא הייליגע סביבה,
הוא הודה הוא הדרה הוא זיווה!

## Music by:
Shloimie Wechter @ Schnitzler Studios

## Pre/Post-Production by:
Naftali Schnitzler

## Technical Assistant:
Shloimie Melamed
Israel Orbach

## Choir by:
Abe Berkowitz

## Additional Choir by:
Shloimie Wechter

## Recorded at:
Schnitzler Studios, Brooklyn NY
Tenor Studios/Michael Tzi, Israel
Shevach Studios/Yossi Gluck, Monsey NY
MK Studios, Monroe NY

## Engineered by:
Yoily Freund, Israel Orbach,
Yossi Gluck, MK,

## Mixed and Mastered at
Schnitzler Studios, Brooklyn NY

## Drums
Avi Avidani

## Guitars
Avi Singolda

## Woodwinds
Nitzan Ein Habar

## Brass
Rafi Davidov, Nathan Birman,
Shachar Livna

## Piano/Keys/Programming
Schnitzler Studios

## Choir
Yoely Freund
Motty Feldman
Shlomo Spilman
Sruly Drummer
Yossi Glick
Moshe Feder
Chily Dirnfeld
Yoely Breuer
Moshy Hertzel
Eli Spitzer

royalimageinc.com